גליון 262
וישלח תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## מֶען פַּאלְט...

**דֶער חָכָם נוּצְט אוֹיס זַיין צַייט, צוּ רֶעדְן מִיט זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּאַווייזְן אַז עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין קֶענִיג אוֹיפְן וֶועלְט.**

מִיר וֶועלְן זִיךְ דָא אוּמְקֶערְן צוּ שָׁאוּל דֶער חָכָם אוּן לַמְדָן, וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אִין כִּתָּה. דֶער מְלַמֵּד רוּפְט שָׁאוּל בַּיי הַפְסָקָה אִין ווִינְקְל, אוּן רֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים וָואס דַארְפְן פַארְבֶּעסֶערוּנְג.

שָׁאוּל קֶערְט זִיךְ אוּם פוּן שְׁמוּעֶס מִיט אַ בַּאלֵיידִיגְטֶע בְּלִיק: "דֶער מְלַמֵּד זָאל מִיר נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וָואס אַ כִּתָּה ח' יוּנְגְל דַארְף טוּן! אִיךְ ווֵייס גָאר גוּט ווִי זִיךְ צוּ פִירְן. אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיין קִינְד, נָאךְ אַבִּיסְל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּר-מִצְוָה. וָואס קְלֶערְט עֶר?..."

צוּבִּיסְלֶעכְוַויז, פַאנְגְט שָׁאוּל אָן צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער מְלַמֵּד, עֶר אִיז אוּמְפַּאסִיג, אוּן עֶר ווֵייסְט בְּעֶצֶם בִּכְלַל נִישְׁט ווִיאַזוֹי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט גוּט מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען... אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהֶעצְט קֶעגְן דִי גַאנְצֶע הַנְהָלָה פוּן חֵדֶר, דֶער מְנַהֵל, אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ. וֶוען טָאג אוּן נַאכְט הֶערְט מֶען פוּן זַיין מוֹיל עֶרְנְסְטֶע בַּאקְלָאגֶענִישְׁן אוּן שְׁטַארְקֶע טְעָנוֹת.

אֲפִילוּ אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט הֲנָאָה הָאבְן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אוּן אוֹיפְהֶעצְן אַלֶעמֶען, לְמָשָׁל דִי מַתְמִידִים אוּן דִי חֲלוּקַת-פְּרָסִים.

אָבֶער דִי קִינְדֶער פוּן דִי כִּתָּה זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט. זֵיי הָאבְן אָפְן גֶע'טַעֲנֶה'ט "שָׁאוּל, פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי? אוּנְזֶער מְלַמֵּד אִיז גָאר גוּט אוּן סְפֶּעצִיעֶל, עֶר גִיבְט זִיךְ אִיבֶּער צוּ עֶרְקְלֶערְן אוּן אַרָאפְלֵייגְן דִי לִמּוּדִים אוֹיפְן בֶּעסְטְן שְׁטֵייגֶער. אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל, גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער טָאג אוּן נַאכְט צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶעס פָּארְט אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג אוּן דִי קִינְדֶער שְׁטֵייגְן אִין לֶערְנֶען אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

שָׁאוּל הָאט זֵיי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּאַווייזְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע הָאט עֶר זִיךְ גֶעדִינְגֶען מִיט סֶענְדֶער, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ עֶרְנְסְט קִינְד, אָבֶער סֶענְדֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט, אוּן מִיט דִי צַייט הָאט עֶר נָאכְן זִיךְ אַזוֹיפִיל דִינְגֶען מִיט שָׁאוּל, אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּן צוּ אָנְנֶעמֶען אוּן בַּארֶעכְטִיגְן זַיינֶע טְעָנוֹת.

זֵיי הָאבְן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ מַשְׁקִיעַ זַיין זֵייעֶר צַייט אוּן שֵׂכֶל אִין טֶעגְלִיכֶע הֶעצֶערַייעֶן קֶעגְן דֶער מְלַמֵּד אוּן דִי גַאנְצֶע הַנְהָלָה. אִינְמִיטְן סֵדֶר וֶוען אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְן גֶע'חַזְרְ'ט דִי לִמּוּדִים מִיט זֵייעֶרֶע חַברוּתוֹת, זֶענֶען שָׁאוּל אוּן סֶענְדֶער גֶעזֶעסְן אוּן זִיךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן אַלֶעמֶען, מִיט זִיבְן חֶשְׁבּוֹנוֹת פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אִין אַלֶעס גֶערֶעכְט...

זֵייעֶרֶע פִּיל יְדִיעוֹת הָאבְן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְן, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט שָׁאוּל – דֶער גֶעוֶועזֶענֶער מֶצְלָח – בַּאקוּמֶען אַ צֵייכְן פוּן 40% (!) וָואס עֶס פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ. דִי קִינְדֶער הָאבְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ אִיבְּרִיגֶע פַאלְשֶׁע אוֹיבֶּער-חָכְמוֹת.

דֶער מְלַמֵּד פוּן זַיין זַייט, הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט גוּטְנְס זֵיי צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ צוּרִיקְדְרַייעֶן, אוּן אָנְפַאנְגֶען אַ נַייעֶ בְּלַאט. אָבֶער זֵיי הָאבְן עֶטְלִיכֶע מָאל בְּלוֹיז גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אוּם-דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוֹיף אַ חוּצְפָּה'דִיגֶע שְׁפְּרַאךְ.

דִי צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ, וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג צוּרִיק גֶעוֶוען חֲכָמִים אוּן לַמְדָנִים, הָאבְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט אִין דִי לֶעצְטֶע חֳדָשִׁים, אוּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גוּטְן פְּלַאץ צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, אוּן אֲפִילוּ אִין זֵייעֶר שׁוּהְל הָאט זִיךְ שׁוֹין דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵיי אַז אַ בּוֹר וָואס אִיז לֵיידִיג פוּן תּוֹרָה, וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (6)

**דֶער חָכָם, אַז סֶע אִיז אִים אָן גִיקוּמֶען דֶער בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ, הָאט עֶר** גִיעֶנְפֶערְט צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. וַוארְט. אוּן נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער. וֶועלִין מִיר אִיבֶּער שְׁמוּסִין. אוּן מִיר וֶועלִין זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין. אוֹיף דֶער נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אִין דֶעם עֶסְן הָאט **דֶער חָכָם** (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן אוּן צוּ קְלֶערִין מִיט זַיין חָכְמָה אוּן זַיין פִילוֹסָפְיֶא.

**אוּן הָאט** זִיךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. וָואס קָאן דָאס בַּאטַייטִין. וָואס אַזוֹי אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ אַזוֹי אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשׁ וִוי אִיךְ בִּין. וָואס בִּין אִיךְ עֶס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ מִיר. וָואס טַייטְשׁ. **אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ** וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ מֶמְשָׁלָה אוּן אַזוֹי אַ גְדוּלָה. אוּן אִיךְ אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין אַ קֶעגִין אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶען מֶלֶךְ. נָא וִוי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס אִין שֵׂכֶל אַז אַזוֹי **אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר.**

**אִיךְ** זָאל זָאגְן מַחְמַת מַיין חָכְמָה. **הָאט עֶר נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.** וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן אַקֶעגְן דֶעם מֶלֶךְ. **הָאט דֶען דֶער מֶלֶךְ קֵיין חֲכָמִים נִיט.** אוּן דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן וָואס אִיז דָאס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן. אוּן עֶר הָאט זִיךְ דְרוֹיף **זֵייעֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.**

**אוּן וִוי עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי.** רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶער שְׁלִיחַ וָואס הָאט דֶעם בְּרִיוו גִיבְּרַאכְט) וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן.

**הָאט** מַיין דֵיעָה אִיז אַז סֶע אִיז גִידְרוּנְגֶען. אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא אִין דֶער וֶועלְט. אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דְרִינֶען טוֹעֶה זֵיי מֵיינֶען אַז סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ. אַדְרַבָּא פַארְשְׁטֵיי. וִוי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס. אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. זָאל זִיךְ אָפְּגִיבְּן צוּ אֵיין מֶענְשְׁן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל זַיין דֶער מֶלֶךְ. סֶע אִיז אַוַודַאי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**עֶנְפֶערְט** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דִיר גִיבְּרַאכְט **אַ בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** פְרֶעגְט אִים דֶעם חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) הָאסְטוּ אַלֵיין גִינוּמֶען דֶעם בְּרִיוו בַּאם מֶלֶךְ אוֹיס דֶער הַאנְט אַרוֹיס. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. נֵיין. נָאר אַנַאנְדֶערֶער מֶענְשׁ הָאט מִיר גִיגִיבְּן דֶעם בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן. נָא אַדְרַבָּא.

**הַיינְט** זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן. אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַאר הַאנְדְן. פְרֶעגְט עֶר אִים ווִידֶער (דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שְׁלִיחַ) זָאג מִיר נָאר. דוּ בִּיסְט זִיךְ פוּן דֶער עִיר מְלוּכָה אוּן דוּ בִּיסְט דָארְט גִיוַואקְסְן גִיוָוארְן. זָאג מִיר הָאסְטוּ וֶוענְס גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. נֵיין. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן.

**הַיינְט** זֶעה אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז בְּוַודַאי גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַארְהַאנְדְן. וָוארְן אָט אַפִילוּ דוּ הָאסְט קֵיין מָאל דֶעם מֶלֶךְ נִיט גִיזֶעהְן.

**הָאט ווִידֶער** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ גִיפְרֶעגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. וֶוער זֶע פִירְט דִי מְדִינָה.

**הָאט** עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיינוּ דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶער תָּם) דָאס. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן קְלָאר. וָוארְן אִיךְ בִּין דְרִינֶען גִינִיט. אוּן מִיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגִין. וָוארִין אִיךְ בִּין אוֹיסְן גִיוֶוען לֶענְדֶער. בִּין אִיךְ גִיוֶוען. אִין אִיטַלְיָא. אִיז אַזוֹי דֶער מִנְהָג. סֶע אִיז פַארְהַאנְדְן זִיבְּצִיג רַאטְהֵיירִין אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה אַ

צַייט. אוּן מִיט דֶעם שְׂרָרָה שַׁאפְּט טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן (דְהַיינוּ פְּרִיר זֶענֶען דִי. דִי רַאטְהֵיירִין. דֶער נָאךְ גֵייעֶן דִי אַרָאפּ אוּן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אַרוֹיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה אוּן אַזוֹי אַלֶע מָאל אַנְדֶערֶע)

**הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן** זַיינֶע רֵייד אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם (דְהַיינוּ דֶער שָׁלִיחַ) בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**הָאט זִיךְ וִוידֶער** אָן גִירוּפְן דֶער חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תַּם) וַוארְט בִּיז אִין דֶער פְּרִיא וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ דֶערוַוייזְן קְלָאר אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט דֶער חָכָם** זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אִין דֶערפְרִי. אוּן עֶר הָאט אוֹיף גִיוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שָׁלִיחַ. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט קוּם מִיט מִיר אוֹיף דֶער גַאס וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן. וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. אוּן סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַארְהַאנְדְן.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. הָאבְּן זֵיי דֶערזֶעהְן אַ זֶעלְנֶער הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגִיחַאפְּט. אוּן הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט וֶועמֶען **דִינְסְטוּ**. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. **דֶעם מֶלֶךְ**. הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ זִינְט דוּ לֶעבְּסְט. עֶנְפֶערְט עֶר. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** (דְהַיינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תַּם. אִים רוּפְן מִיר אַלְץ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם) **אוּן הָאט** גִיזָאגְט. זֶע, אִיז דָא אַזוֹי אֵיין נַיירִישְׁקֵייט (כְּלוֹמֶר דֶער סָאלְדַאט דִינְט דֶעם מֶלֶךְ אוּן עֶר קָאן אִים נִיט. וָוארְן דֶער חָכָם הָאט אַלְץ גִיוָואלְט מִיט זַיין נַארִישֶׁער חָכְמָה דְרוּנְגֶען אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא כַּנַ״ל)

**נָאךְ דֶעם** זֶענֶען זֵיי וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אָפִּיצִיר פוּן דֶעם חַיִל. אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין רֵייד בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט. וֶועמֶען **דִינְסְטוּ**. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. **דֶעם מֶלֶךְ**. הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָן גִירוּפֶען. אַדְרַבָּא. הָאט זֶעה מִיט דִי אוֹיגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע זִיךְ טוֹעֶה. אוּן סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא (וָוארֶען דֶער אָפִּיצִיר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ) **אִיז צְוִוישְׁן זֵי גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.**

**הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם אָן גִירוּפְן.** קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ וַוייזְן וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה אִין גְרוֹיסֶע נַיירִישְׁקֵייט.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן זֶענֶען גִיפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אוּמִידוּם וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען הָאבְּן זֵיי אַלְץ גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין **טָעוּת** (כְּלוֹמֶר דִי חֲכָמִים זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר חָכְמָה פַאר גַאנְגֶען אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט בִּיז זֵיי הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין טָעוּת)

**אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ** (כְּלוֹמֶר דָאס וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶועְן אָפְּגִיקְלֶערְט אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא) **דָאס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי** גִיוָוארִין פַאר אַ מָשָׁל. אוּן וִוי זֵיי הָאבְּן גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין טָעוּת.

**הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען דֶעם מֶלֶךְ פַאר אַ מָשָׁל.** אַזוֹי וִוי דָאס אִיז אֶמֶת אַז **סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ.** אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ.

**זֶענֶען זֵיי אַזוֹי** אוּמְזִין גִיוֶוען דִי וֶועלְט אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. בִּיז סֶע אִיז בַּי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גִיהַאט.

**הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּין** צוּ פַארְקוֹיפִין אֵיין פֶערְד. אוּן דֶערְנָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי הָאבִּין אַלֶע פַארְקוֹיפְט. בִּיז זֵיי הָאבְּן גִימוּזְט גֵיין צוּפוּס.

**אוּן תָּמִיד** הָאבְּן זֵיי אַלְץ גִיקְלֶערְט דִי וֶועלְט. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַלְץ אַז דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. אוּן זֵיי זֶענֶען **גִיוָוארִין קַבְּצָנִים פוּס גֵייעֶרְס**. אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָאר **נִיט חָשׁוּב גִיוֶועְן**. אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף אַזוֹינֶע קַבְּצָנִים.

נאמען:___________

# לאמיר זיין פאר'הערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (6)

**א. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**

- ❑ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ❑ ווייז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ❑ ווארט און נעכטיג דא איבער.

**ב. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט ?**

- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא חכם ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא עושר ווי איך.

**ג. וואס לערנסטו זיך דערוייל פון די מעשה?**

- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ❑ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען נישט (ח"ו)

**ד. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**

- ❑ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך איף די וועלט.
- ❑ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ה. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך ?**

- ❑ ניין .
- ❑ יא.
- ❑ איינציגע מאל.

**ו. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה ?**

- ❑ דער מיניסטער.
- ❑ דער מלך.
- ❑ די זיבעציג ראטהייררין (שרי יועצים).

**ז. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צווייטן חכם דער שליח פון מלך?**

- ❑ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.
- ❑ קום לאמיר עפעס עסן.
- ❑ קום לאמיר גיין צום תם און אים אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ח. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט ?**

- ❑ זיי זענען זייער רייך געווארן.
- ❑ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט .
- ❑ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ווען מידה האט דעם חכם זיך געפירט כדי צו באווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו)?**

**וויפל מאל האט דער חכם מוכיח געווען אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו) ?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (5)

וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון ? ליצנות

און ביי וואספארא נאך מעשיות ווערט עס אויך דערמאנט ? מעשה ג׳ און מעשה ו׳

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז ׳קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים׳, לוֹטֶער ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: ״אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת״!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com